בס"ד

מטו"מ
שנה ב'

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל




## איך דין ואיך דיין

### השי"ת באפעלט משה רבינו צו נעמען נקמה

אין די פרשה פון די וואך האט דער אויבערשטער געלאזט וויסן פאר משה רבינו איבער זיין פטירה, "וידבר השם אל משה לאמר, נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, אחר תאסף אל עמיך", (מטות לא, ב). די גלארדייכע לעבן פון משה רבינו קומט שוין צו אן ענדע. זיינע לעצטע טעג אויף דער וועלט איז געווען זיין לעצטע געלעגנהייט צו ארייננכאפן נאך עפעס פאר זיין תכלית. און וואס איז די לעצטע גרויסע זאך מיט וואס דער אויבערשטער פארטרויט משה רבינו? "נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים", נעם נקמה פון די מדינים אויף דעם וואס זיי האבן געטון צו די אידן. "אחר תאסף אל עמך", און נאר נאכדעם ווערסטו אוועקגיין פון דער וועלט. דאס נעמען נקמה פון מדין איז געווען אזוי וויכטיג, אז דער אויבערשטער האט געזען אז משה רבינו'ס תפקיד איז נישט פארטיג אן דעם.

פאר אונז איז דאס א גרויסע שאלה, מיר ווערן ערצויגן מיטן געדאנק אז נקמה איז א שלעכטע מידה, מיר ווערן אנגעזאגט פונעם אויבערשטן, **לא תקום ולא תיטור**, די תורה ווארנט אונז נישט צו נעמען נקמה, און נישט אפילו האבן א שווער הארץ אויף יענעם. (ויקרא יט-יח). פון קליינוויז אן לערנט מען אויס די קינדער צו שטיין ווייט פון נקמה. ס'איז א מידה פון מענטשן וואס פארמאגן נישט קיין זעלבסט-קאנטראל. און דא ליינען מיר אין די סדרה אז משה רבינו ווערט אנגעזאגט צו נעמען נקמה אינעם פיינט, און דאס איז נאך זיין לעצטע תפקיד פאר ער גייט אוועק פון דער וועלט. ווי אזוי קענען מיר פארשטיין אז אן עולה וואס די תורה פארדאמט - זאל זיין דער לעצטע גוטע זאך פון משה רבינו'ס לעבן?!

### נקמה איז גרויס

**די** גמרא זאגט, "**אל נקמות ה'**", אויף איין זייט שטייט דאס ווארט 'א-ל' און אויף דער צווייטע זייט שטייט דאס ווארט 'השם' און אינדערמיט איז דאס ווארט 'נקמה'. די גמרא קומט אונז דא לערנען אז ווען נקמה איז אין די ריכטיגע פלאץ איז דאס א גרויסע זאך, ווייל עס ווייזט דעם אויבערשטנ'ס עקזיסטענץ. און דאס איז געווען משה רבינו'ס לעצטע תפקיד, ארייצוברענגען וואס מער אמונה.

נקמה איז וויכטיג אז מענטשן זאלן פארשטיין אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. אויב די רשעים וועלן בלייבן אומבאשטראפט, וועלן מענטשן מיינען אז ס'איז א הפקר וועלט און מ'קען טון וואס מען וויל. די געדאנק אז רשעים דרייען זיך אין גאס פראנק און פריי קען ארייננדרינגען אין די מח פון מענטש און דאס קען האבן א שלעכטע השפעה אויף אים.

אויב אן אפריקאנער רוצח קען אריינשטעכן א מעסער אין יענקל ראזענבוים הי״ד, אן קיין שום סיבה און דערנאך זאל מען אים לאזן גיין פריי נאר ווייל ער איז א שווארצער, זעהן מענטשן די וועלט אין ליכט פון הפקירות, א וועלט וואו מען מעג טון וואס דאס הארץ באגערט. נישט קיין חילוק וויפיל מען זאגט אז מען גלייבט אין באשעפער איז א ביטערע פיל אראפצושלינגען ווען מען זעט שלעכטיגקייט וואס שפראצט אויף דער וועלט.

און יעדעס מאל וואס מיר הערן אז נאך א קרימינאלע אקט איז געווארן דורכגעלאזט, באקומען מיר ווידער א שטעך אין הארץ. עס טרעט אונז צו ביז צו די טיפעניש פון אונזער נשמה.

אזוי ווי ווען דאס אומשולדיגער ישיבה בחור׳ל וואס איז ברוטאל אומגעברענגט געווארן דורך א קריסטליכער שגץ. די שוידערליכע אקט איז פארגעקומען אין א פשוט׳ע חמשה עשר בשבט ווען דער ראש ישיבה האט ארויסגענומען זיינע בחורים אויף א שפאציר. אויפן וועג האבן זיי אנגעטראפן צוהיצטע יוגענטליכע וואס האבן נישט געשפארט קיין ווערטער צו פארדאמען די אידישע בחורים. דער ראש ישיבה האט געמאכט א פאטאלער טעות ווען ער האט זיי אפגעענטפערט. אין יענע גורל׳דיגע מינוט האט א רוצח פון די באנדע געשעדיגט איינע פון די בחורים הי״ד. און ווען מען האט געברענגט דעם רשע צום בית משפט וואס האט דער ׳שוטה׳ שופט וואס איז אויך געווען א קריסט גע׳פסק׳נט? ״די קורט רום [געריכט הויז] איז נישט קיין פלאץ וואו מען נעמט נקמה...! און דער רוצח האט באקומען פינף יאר פראובעשא״ן, וואס דאס מיינט איז אז פאר פינף יאר דארף ער קומען איינמאל אין חודש צו די פאליציי סטאנציע, אריינשטעקן דארט זיין קאפ און זאגן: ״היי פאליציי!״ און דער פאליציי צייכנט אן אז ער איז דא געווען. דאס איז דער גאנצע שטראף וואס דער רשע האט באקומען!

ווען מען הערט פונעם גאווערנאר ימ״ש וואס האט געשטומט אראפצונעמען טויט שטראף פאר רוצחים ווערט קאלט און הייס פאר די מענטשהייט. די וועלט דארף גערעכטיגקייט. אויב עס איז דא גערעכטיגקייט, איז נישט קיין שאלה אויב מענטשן וועלן זיך אפהאלטן פון רצח׳נען נאר זיי וועלן זיך זיכער אפהאלטן. גלייבטס נישט די אלע צייטונג שרייבערס, זיי זענען שקרנים. ווען א מענטש ווייסט אז עס ווארט אים אפ די עלעקטריק בענקל וועט ער נישט טראכטן צוויי מאל פאר ער באגייט א קרימינאל נאר ער וועט טראכטן פופציג מאל... סאיז נישט קיין שום ספק.

## עס פעלט א ווארט אין תהילים

**מיר** ווייסן אז די גאנצע טעמע פון תהילים איז צו דאנקען השי״ת, אים לויבן פאר זיין גרויסקייט. דוד המלך באקרוינט דעם אויבערשטן דורכאויס דעם גאנצן ספר תהילים. איר וועט אבער באמערקן אז בלאט נאך בלאט וועט איין ווארט פעלן, מען וועט נישט טרעפן דעם ווארט ׳הללוקה׳. ס׳איז א ווארט וואס וואלט זיך אריינגעפאסט אין רוב קאפיטלעך אבער מען וועט עס נישט טרעפן ביז צום סוף פון **קאפיטל ק״ד**, דעמאלט וועט איר באגעגענען דאס ווארט צום ערשטן מאל.

די שאלה איז נאך שטערקער ווען מען זעט אז ביים סוף פון קאפיטל ק״ד שטייט, **ברכי נפשי את השם הללוקה**, און איין קאפיטל פארדעם שטייט נאר **ברכי נפשי את השם**. ס׳איז דאס זעלבע פסוק אבער דאס ווארט הללוקה פעלט. און ביים קומענדיגע קאפיטל איז דאס די ערשטע מאל וואס ס׳שטייט אין תהילים.

די גמרא אין ברכות (ט ע״ב) זאגט, ׳ולא אמר דוד הללוקה עד שראה במפלתן של רשעים׳, דוד המלך האט נישט געזאגט הללוקה ביז ער האט געזען די מפלה פון די רשעים. ווען דוד המלך האט געזען ווי דער אויבערשטער האט גענומען נקמה דעמאלטס האט ער געקענט זאגן **הללוקה**. ער האט געזאגט:

**יתמו חטאים מן הארץ, ורשעים עוד אינם ברכי נפשי את השם**, און יעצט צום ערשטן מאל האט ער אויסגעשריגן מיט גרויס עקסטאז: **הללוקה!**

מען דארף פארשטיין וואס דאס ווארט 'הלל' מיינט. מען זאגט אין תהילים (עה.ה): "אמרתי להוללים אל תהולו" דאס ווארט 'הלל' מיינט נישט לויבן, נאר ס'מיינט ארויסגיין פון די גלייזן פאר פרייד. און **הללוקה** מיינט ארויסגיין פון די גלייזן פאר השי"ת. דאס מיינט צו זיין איבערגליקליך מיט די גרויסקייט פונעם אויבערשטן. און ווען איז דוד המלך געווארן אזוי איבערגליקליך? **ורשעים עוד אינם**, דעמאלטס האט ער אויסגערופן, **ברכו נפשי את השם הללוקה**.

ווען מען זעט ווי די רשעים באקומען זייער פארדינטן שטראף ווערט מען איבערגעוועלטיגט פון פרייד. מען זעט מיט די אייגענע אויגן דעם קל חי וקיים. מען שפירט אין די גאנצע וועזן די אנוועזנהייט פונעם אויבערשטן. ער איז נישט פונדערווייטנס. ער איז ווירקליך דא צו באשטראפן די רשעים פאר זייער שלעכטס.

דערפאר זאגט אונז דוד המלך: "רק בעיניך תביט וְשִׁלֻּמַת רשעים תראה", אבער איר דארפט זוכן מיט די אייגענע אויגן, בעיניך, די שופט הארץ. אויב איר ווילט זען דעם חי וקיים קוק אויף **שלמת רשעים**, די מפלה פון די רשעים.

**יש דין ויש דיין**

**איך** וועל אייך געבן א ביישפיל פון א מענטש, "מייק טעד". דאס איז נישט געווען זיין ריכטיגע נאמען. ער האט זיך געטוישט זיין נאמען פון אברהם הערש גאלדבויגען, א איד פון שיקאגא, זייער א רייכער מאן און אן אנגעזענער פערזענליכקייט. ער איז געווען איינגערעדט אין זיין גליק און חתונה געהאט מיט א שיקסע ר"ל. ער איז געווען אנגעפילט מיט געלט, יונג און סוקסעספול, און געפירט אן אויפרייסערישע לעבן פון עולם הזה און שוואויל־טאג. און געמיינט האט ער געמיינט אז ער שטייט ביים שפיץ פון גליק. פון תורה ומצוות האט ער אינגאנצן פארגעסן. איין טאג ליינט מען אין די צייטונג אז "מייק טעד" איז געפלויגן אין זיין פריוואטן ערעפלאן און ער איז ארויסגעפאלן פונעם עראפלאן. אזוי גלאט און פשוט האט די צייטונג געשילדערט די נייעס...

לאמיך ענק דערציילן די אמת'ע נייעס, ער איז נישט ארויסגעפאלן פונעם עראפלאן, נאר דער אויבערשטער האט אים ארויסגעווארפן פונעם עראפלאן! אויב מיר וואלטן געהאט תורה צייטונגען וואלטן די "העד ליינס" זיך געליינט ווי פאלגענד: "דער אויבערשטער ווארפט ארויס מייק טעד פון זיין עראפלאן!" און וואס האבן די צייטונגען געשריבן, אז די ענדזשין האט נישט גוט געארבעט...

איך האב נאך קיינמאל נישט געקאסט דעם טעם פון ארויספאלן פון אן עראפלאן, אבער איך שטעל זיך פאר אז ס'איז נישט אזוי בא'טעמ'ט. און ווען ער האט געקראכט צו דער ערד איז עס נישט געווען א געשמאקע סוף... און מיר ליינען איבער די פרטים פון די געשעעניש איינמאל און נאכאמאל אנשטאט מיר זאלן ליינען די מעשה: "רק בעיניך תביט."

אוודאי וועלן די צייטונגען נישט דערציילן די מעשה אויף אזא אופן. זיי קוקן נישט אויף מייק טאד'ס אראפפאלן צו די ערד מיט די אויגן פון דוד המלך... אבער מיר דארפן איגנארירן די פראפאגאנדע נאר צולייגן קאפ און מח צו וואס דער אויבערשטער ווייזט אונז דא. אויב איר וועט זיין פארנומען נאר וואס די צייטונגען האבן צו דערציילן וועט איר אין ערגעץ נישט אנקומען. אפילו די פרומע צייטונגען וועלן אייך נישט זאגן דעם אמת... איר וועט מוזן טון די ארבעט מיט אייערע אייגענע אויגן, **בעיניך תביט**.

איך טו עס אליינס. איך מאך מיין ביזנעס יעדעס יאר צו האלטן די יארצייט פון אברהם הערש. איך וועל דערציילן פאר יעדן איבער די אויסטערלישע נייעס פון ׳שלומת רשעים׳ און גלייכצייטיג וועל איך וואקסן אין דעת השם.

## צדיקים זענען פארזיכערט

**ווען** האט מען לעצט געהערט פון א ראש ישיבה וואס איז ארויסגעפאלן פון אן עראפלאן? זאלן זיי אלע לעבן לאורך ימים טובים! און ווען איז געהערט געווארן אז מען האט געטראפן ראשי ישיבות אריינגעשאסן מיט בולעטס ר״ל אין זייער קאר? זאלן זיי לעבן לאנגע געזונטע יארן.

ס׳איז געווען אן ארגאניזירער פון א כשרות ארגעניזאציע וואס האט זיך ארומגעהאמפערט מיט די רבנים וועלכע האבן געוואלט געבן א ריכטיגע השגחה וואס איז אמת׳דיג כשר. דער מחוצף האט זיך גערייצט: ״איך וועל גארנישט לאזן פאר די רבנים מאכן דא, זאלן זיי צוריקגיין צו זייער סיניגאג [ביהמ״ד] דארט וואו זיי באלאנגען!״ ער איז געווען רייך און מאכטפול און געמיינט האט ער אז די וועלט געהערט צו אים. איין טאג ווען ער איז געפארן אין זיין עיר-קאנדישנד קאר, דאס איז געווען נאך פאר די צייטן ווען אן עיר קאנדישן אין א קאר איז געווען דער סטאנדארד, נאר באנדיטן האבן דאס פארמאגט, האט מען אים געטראפן ליגן אין זיין קאר אנגעפילט מיט בולעטס אן קיין סימן פון לעבן.

אויב איר וועט ניצן אייערע אויגן וועט איר גלייך זען וואס דער אויבערשטער טוט צו די רשעים אויף די וועלט. איך וועל איבערדערציילן די מעשה נאכאמאל און נאכאמאל אז מענטשן זאלן נישט פארגעסן אז ס׳איז דא א דין וחשבון פאר יעדע זאך וואס קומט פאר. מען דארף עס חזר׳ן ווייל די פראפעגאנדע פון די וועלט וועט אייך נישט לאזן וויסן דעם אמת. דער אויבערשטער איז **חי** ער זעט אלעס און ער צאלט צוריק.

## די רשעים וועלן נישט בלייבן רוהיג אויף זייער פלאץ

**דוד** המלך זאגט ווייטער אין תהילים (עג, יב) וואו ער רעדט פון רשעים וואס עס זעט אויס ווי עס גייט זיי גוט. ״הנה אלה רשעים, שלוי עולם השגו חיל, אך ריק זיכיתי לבבי״, ווען איך זעה ווי די רשעים זענען מצליח אין לעבן, קען איך שפירן אז מיין עבודה איז אומזיסט. די הצלחה פון די רשעים איז א שטאך אין די הארץ פון א מאמין. זאגט ווייטער דוד: ״עד אבוא אל מקדשי קל״,אבער ווען איך קום אן צו די בית המקדש וואו די כהנים לערנען דעם אמת פון די תורה, און זיי זאגן מיר ״אבינה לאחריתם״, נעם דיין צייט, יאג זיך נישט, טראכט פון דעם סוף פון די רשעים. יעצט קוקט אויס ווי עס גייט זיי אלעס גוט, אבער לאמיר זיך פארשטעלן ווי אזוי זייער סוף וועט אויסזען.

נעם א ביישפיל פון ״עיב האפמאן״, א פארבלאנזשעטע אידישע נשמה. ער איז געווען פאפולער אין די מידיע און צייטונגען און געשארט גאלד. אה, א סוקסעפולער רשע! און יעצט לייגט מען אין די צייטונגען אז ביי די יארגאנג פון צוויי און פופציג, האט ער זיך גענומען דאס לעבן. דאס איז געווען זיין מצוה פון **ובערת הרע בקרבך**. זיין **שלוי עולם השגו חיל** איז געקומען צו א סוף.

איר קענט נאכקוקן אין צייטונג אויפן בלאט וואו מען רעכנט אויס די טויטע. דאס איז די איינציגסטע בלאט וואס איז ווערד עפעס... איר וועט טרעפן דארט א גאנצע רשימה פון מענטשן וואס האבן געפירט א וועלט מיט זייער שלעכטיגקייט צושפרייטנדיג זינד און אומאראלישקייט און איר וועט ליינען אז דער איז געשטארבן ביי פערציג און דער ביי צוויי און פערציג. מען דארף נאר עפענען די

אויגן און זען אז בשעת זיי מארשירן מיט טריאמף, געווינען קורט קעיסעס און זענען אויפן שפיץ פון דער וועלט זאל מען זיין געדולדיג. זייער סוף וועט אויך קומען.

## שלומת רשעים אחריתם - אויף יענע וועלט

**אויף** דער וועלט פון הסתרת פנים וועט מען נישט אלעמאל זען די אחריתם פון די רשעים. מען קען זען אסאך, אבער די שמועס איבער די ענין פון דער אויבערשטנ׳ס גערעכטיגקייט איבער די רשעים וועט נישט זיין פולקאם אויב מיר וועלן נישט פארשטיין די אחריתם פון די רשעים אויף יענע וועלט. די רשעים וואלטן זיך ווען געפרייט ווען זיי קענען באקומען זייער סוף אויף דער וועלט אנשטאט צו באקומען זייער שטראף אויף יענע וועלט.

נישט לאנג צוריק איז דער אוקריינער רשע, דעמיאנוק ימ״ש ארויסגעלאזט געווארן אויף דער פריי. דער אכזר וואס האט אומגעברענגט צענדליגער טויזענטער פון עם ישראל דרייט זיך ארום פראנק און פריי אין זיין הויז אין קליוולאנד. ווען מיר הערן ווי אזוי אזא רשע איז נישט געקומען צו גערעכטיגקייט מאכט דאס א שפאלט אין די טיפעניש פון אונזער נשמה.

איינער האט מיר געפרעגט דערוועגן און איך האב אים געענטפערט: ״ס׳איז פונקט ווי א מורישקע קוקט ארויף אויף א הויכע בנין און פרובירט צו נאכקוקן וואס דארט קומט פאר. אזוי קען איך געבן מיין נישטיגן שטאנדפונקט.״

ס׳איז די זעלבע שאלה וואס מיר האבן מיט היטלער ימ״ש, דער גרעסטער אכזר פון די מענטשהייט האט זיך אויך ארויסגעדרייט פון גערעכטיגקייט. וואס האט ער געטון ווען ער האט געזען אז זיין סוף איז נאנט? ער האט איינגעשלינגען א געציקערטע סם און איז אן קיין יסורים געגאנגען פון דער וועלט. דאס איז נישט דער וועג וואס היטלער וואלט געדארפט שטארבן. איך וואלט געהאט אנדערע פלענער ווי אזוי ער זאל איינעמען זיין פגירה. און אויב איך האב גוטע געדאנקען דאן האט הקדוש ברוך הוא נאך בעסערע... וואס מיינט דאס ווען היטלער, דעמיאנוק, און אנדערע רשעים באקומען נישט וואס עס קומט זיך זיי?

דאס קומט אונז צו ווייזן אז ס׳איז דא א קומענדיגע וועלט. דער אויבערשטער לאזט די רשעים זיך ארויסדרייען פון גערעכטיגקייט אז זיי זאלן באקומען זייער שטראף אין גיהנם. איר מיינט אז עס וואלט געקענט זיין א ריכטיגע נקמה אויף דער וועלט פאר אזעלכע רשעים? וואס אימער די ׳סופרים קורט׳ וואלט ווען געטון צו זיי וואלט נישט געווען גענוג נקמה. אויב מען וואלט זיי געהאנגען, געלייגט אויפן עלעקטריק בענקל, אפילו צוהאקט אויף שטיקלעך וואלט דאס דען געווען גענוג נקמה פאר׳ן פארגיסן אזויפול אידיש בלוט?! נאר דער אויבערשטער קען נעמען די ריכטיגע נקמה. **אבינה לאחריתם**, מען דארף משיג זיין די ריכטיגע סוף וואס וועט קומען אויף זיי. דארט אין גיהנם בראט מען די רשעים יעדן טאג, און די צדיקים פון גן עדן לאזט מען דאס צוקוקן מיט הנאה. זיי זען די סוף פון די רשעים און פרייען זיך מיט דער נקמה.

## מען זאל נישט רחמנות האבן אויף רשעים

**מיר** האבן נישט קיין סימפאטיע מיט רשעים וואס ווערן באשטראפט. נישט ווי אנדערע זאגן אז ביים סדר נאכט זינגט מען שירה צום אויבערשטן פאר זיין גערעכטיגקייט, אבער אין די זעלבע צייט האט מען מיטלייד מיט די רשעים וועלכע זענען דערטראנקן געווארן אינעם ים סוף גארגלנ׳דיג זיך פאר אן אטעם...

די פשט׳ל איז זייער גוט פאר א דרשה ערב פסח צווישן די עמי הארצים אבער ווען מען זאגט ׳דעת

תורה׳ קען מען נישט באהאלטן דעם אמת. אונזער ארבעט איז צו אנערקענען וואס מער די וועגן פונעם איבערשטן אויף דער וועלט. און זיינע וועגן איז גערעכטיגקייט, אן אויסגערעכנטע סיסטעם פון שכר ועונש.

הקדוש ברוך הוא ברענגט נקמה פאר די רשעים און ס׳איז נישט דא קיין שום סיבה צו רחמנות האבן אויף זיי. צו בייוואוינען דעם משפט פון השם איז וויכטיג פאר א מענטשנ׳ס עבודת השם. דערפאר האט משה רבינו נישט געקענט פארלאזן דער וועלט איידער ער האט געזען די שטראף פון די מדינים מיט זיינע אייגענע אויגן. **רק בעינך תביט ושלומת רשעים תראה** איז נאר אן הכנה צו מעין עולם הבא. קוק און האב הנאה פון די נקמה פון די רשעים. איך רעדט נישט נאר פון די הנאה חלק, יא אידן מעגן האבן הנאה אויף דער וועלט, אבער איך רעדט פון די **דעת** וואס די הנאה וועט אייך ברענגען, ווען איר וועט זען די שטארקע האנט פונעם איבערשטן ווען ער נעמט נקמה.

ווי מער איר וועט דאס חזר׳ן אלץ מער ׳דעה׳ וועט איר דערגרייכן. דערפאר זענען מיר געקומען אויף דער וועלט זיך צו לערנען פון געשעענישן וואס קומט פאר ארום אונז צוצוקומען צו דעת השם. און איינע פון די וויכטיגע לעקציעס וואס מיר דארפן זיך לערנען איז אז די פאלשקייט און שלעכטיגקייט פון די רשעים וועט קומען צו גערעכטיגקייט דורך דער איבערשטער וואס איז אין פולן קאנטראל. דאס איז די דעה וואס וועט אונז ערמעגליכן צו נהנה זיין מזיו השכינה אויף יענע וועלט.


בעת **שמחה** ווען אירווילט ארויסווייזן

אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**

**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**

**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571**

**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com

***ליינט די גליון יעדע***
***וואך אין די קונטרס***
***"גליונות לשב"ק",***



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאלה:**

**איז דא א חיוב פאר א איד זיך צו פארטיפן אין די וואונדער פון נאטור צו אנערקענען אין באשעפער אדער איז גענוג אז ער לערנט תורה?**

**תשובה:**

**יא**, דער חובת הלבבות ברענגט אז ס'איז א חוב, נישט ווייל דאס איז דער יסוד פון אמונה ווייל א איד האט שוין גע'ירש'נט זיין אמונה פון אונזערע איר-עלטערן וועלכע האבן איבערגעגעבן אונזער מסורה, נאר יעדע זאך וואס קען פארשטארקן דעם מענטשנ'ס געדאנקנגאנג זאל ווערן אויסגענוצט.

**ס'איז** די זעלבע חיוב ווי לערנען חובת הלבבות און מסילת ישרים. וועט איר פרעגן פארוואס דארף מען לערנען די הייליגע ספרים אויב מען לערנט שוין גמרא? דער ענטפער איז אז יעדע זאך וואס וועט אייך מחזק זיין אייער אמונה איז א חיוב צו לערנען.

**ווען** א מענטש זעט די וואונדערליכע ברי' פון באשעפער, די פלאנצונגען, די וואלקענעס און אלעס ארום ווערט ער איבערגענומען פון די חכמה פון באשעפער וואס ווייזט אז אלעס אויף דער וועלט האט א פלאן מיט א פונקטליכע חשבון פון השגחה פרטית.

### נדבת השבוע

**נתנדב לרפואת אברהם ארי' בן סילקא**

חלק מההפצה בוומס"ג נתנדב לע"נ רחל ב"ר יונה ע"ה

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"